# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

כי תצא

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:
אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285
**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת כי תצא


למלחמה על אויביך - זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות און תחבולות קעגן דעם יצר................ א

מחה תמחה את זכר עמלק - קיינמאָל נישט אויפגעבן ווייל ביים בוכ"ע ביסטו נישט קיין דורכפאַל ............ ד

אלו"ל - א'יש ל'רעהו ו'מתנות ל'אביונים ............................................ ח

והיה מחניך קדוש - השראת השכינה ווענדט זיך אין שמירת הקדושה.................................. יא

# כי תצא

**למלחמה על אויביך - זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות און תחבולות קעגן דעם יצר**

**כי** תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידיך ושבית שביו. די "מלחמה", וועגן וועלכע דער פסוק רעדט דאָ, איז די באַקאַנטע מלחמה וואָס יעדער איד דאַרף פיהרן טאָג-טעגליך מיט זיין יצר הרע, ווי רש"י זאָגט "לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע".

**דער** "אור החיים" הקדוש (ד"ה "ובדרך רמז"), זאָגט, אַז וועגן דעם שטייט כי תצא "לַמלחמה", מיט אַ נקודה "פתח" אונטער דעם אות למ"ד, כדי מרמז צו זיין אויף די באַקאַנטע מלחמה וואָס דער מענטש דאַרף פיהרן קעגן זיין יצר הרע. לאָזט אונז דער פסוק הערן, אַז ווען אַ איד קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, דאַרף ער זיך באַלד צוגרייטן צו מלחמה האַלטן מיט זיין יצר הרע. ער זאָל נישט מיינען, אַז מ'דאַרף נישט האָבן אַ ספּעציעלע שטאַרקייט פאַר דער מלחמה, נאָר אדרבה, דאָס איז די הויפּט מלחמה, און מ'קען באַזיגן דעם יצר הרע נאָר מיט גרויסע יגיעות וואָס מ'לייגט אַריין אין די מלחמה, ווי די משנה זאָגט (אבות פ"ג מ"א) "איזהו גיבור הכובש את יצרו" - שטאַרק איז דער מענטש וואָס נעמט איין זיין יצר הרע[א].

---

**א** די בעלי המוסר ברענגען אַראָפּ אַ משל (באַזירט אויף די ווערטער פון מדרש, ויק"ר פכ"ד, ח) אַ גרויסער קעניג האָט אַריינגערופן צו זיך דריי פון זיינע געטרייע מיניסטאָרן, און האָט פאַר יעדן איינעם פון זיי געגעבן אַ פקדון, אַ פאַס מיט גאָר אַלטע וויין. עס האָט געהאַט אַ גוטן טעם, און אַ ווייט-גרייכנדיגן געשמאַק. דער קעניג האָט געוואָרענט די דריי מיניסטאָרן, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל אָפּהיטן זיין פעסל ביי זיך אין הויז, און קומענדיגן חודש, זאָלן זיי צוריקקומען צו איהם מיט זייערע פעסלעך. יעדער מיניסטער וואָס וועט צוריקברענגען גאַנצערהייט זיין פעסל (ער וועט זיך איינהאַלטן פון טרינקען דערפון), וועט דער קעניג איהם באַלוינען דורך העכערן זיין ראַנג. און אויב נישט...

צוויי פון די מיניסטאָרן, האָבן באַלד נאָכ'ן אַהיימברענגען זייערע פעסלעך וויין, באַהאַלטן די פעסלעך אין קעלער, וואו מענטשן דרייען זיך נישט, כדי צו פאַרגעסן דערפון, אַז עס זאָל זיך זיי נישט פאַרגליסטן צו טרינקען פונעם וויין. אָבער דער דריטער מיניסטער האָט געלאָזט דאָס פעסל אויפ'ן טיש ביי זיך אין הויז, און וויבאַלד דער ריח פונעם געשמאַקן וויין האָט דערגרייכט ווייט, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט פאַרזוכט אַביסל פונעם רויטן וויין. ער האָט אָבער תיכף ומיד חרטה געהאַט אויף זיין נאַרישן אַקט, און מער נישט געטרינקען דערפון. צומאָרגנס, איז ער ווידעראַמאָהל דורכגעפאַלן, און ער האָט פאַרזוכט פונעם וויין, אָבער פונקט אַזוי ווי נעכטן, האָט ער אויך היינט חרטה באַקומען און באַוויינט זיין דורכפאַל. ער האָט אַפילו שוין באַוויזן זיך צוריקצוהאַלטן פון טרינקען דעם וויין, אָבער ער איז נאָך אַמאָהל אַדורכגעפאַלן, ביז ער האָט געזעהן אַז ער האָט שוין אויסגעטרינקען אַ האַלב פונעם פעסל.

אַלזאָ, ווען עס איז געקומען דער טאָג וואָס דער קעניג האָט באַשטימט פאַר זיינע דריי מיניסטאָרן צוריקצוברענגען זייערע פעסלעך, זענען אַלע דריי מיניסטאָרן געקומען אין קעניגליכן פּאַלאַץ, יעדער איינער פון זיי מיט זיין פעסל אין דער האַנט. ווען דער קעניג האָט געזעהן אַז די ערשטע צוויי מיניסטאָרן האָבן צוריקגעבראַנגט פולע פעסלעך, און זיך נישט צוגעריהרט צום וויין, האָט ער זיי טאַקע באַלוינט און זיי דערהויבן צו אַ העכערן שטאַפּל.

דערנאָך איז אַריינגעקומען דער דריטער מיניסטער מיט אַ פאַרכמאַרעטן פנים, און זיך צעוויינט פאַר'ן קעניג, דערציילנדיג וואָס ער האָט אַלץ "מיטגעמאַכט" מיט'ן פעסל וויין, און אַז ער האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט געטרינקען דערפון, אָבער צום סוף איז ער אַדורכגעפאַלן, אָבער דערנאָך, האָט ער זיך נאָך אַמאָהל איינגעהאַלטן. ער האָט דעריבער געבעהטן מחילה ביים קעניג, פאַר דעם האַלבן פעסל וויין וואָס ער האָט אויסגעטרינקען.

הערנדיג זיינע ווערטער, האָט דער קעניג איהם דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג נאָך מער ווי די אַנדערע מיניסטאָרן. געבענדיג צו פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס די ערשטע צוויי מיניסטאָרן האָבן נישט פאַרזוכט פונעם וויין, איז נישט אַזאַ רבותא, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געהאַט אַ נסיון, וויבאַלד זיי האָבן באַהאַלטן די פעסלעך אין זייערע קעלערן, אַזוי אַז זיי האָבן די גאַנצע צייט נישט געדאַרפט שמעקן דעם גוטן ריח פונעם וויין, ביז ענדע חודש. אָבער דער

**און** דער פסוק זאָגט "על" אויביך, אונז צו לערנען, אַז דער איינציגער וועג ווי אַזוי מ'קען באַזיגן דעם יצר הרע, איז ווען דער מענטש פיהרט די מלחמה מיט'ן יצר הרע, אַזוי ווי אַן אַרמיי פיהרט אַ מלחמה קעגן דעם שונא. אין צייט פון אַ מלחמה מיט אַ שונא, ווייסט יעדער סאָלדאַט וועגן די גרויסע געפאַר, אויב ער וועט נאָכלאָזן אַפילו אַ מינוט פונעם שלאַכט, ווייל דעמאלטס וועט זיין שונא באַלד קומען און איהם הרג'ענען ח"ו. ממילא, זעהט ער צו פיהרן די מלחמה מיט די גאַנצע קראַפט.

**דאָס** זעלבע איז ביי מלחמת היצר. כאָטש דער יצר הרע - אַ מלאך - איז שטערקער פונעם מענטש, פונדעסטוועגן, אויב מ'מיינט עס ערנסט, העלפט דער אויבערשטער מ'זאָל איהם קענען באַזיגן.

**אַזוי** זאָגן טאַקע די ספרים ("אהבת שלום", ריש פ' תצא), אַז וועגן דעם זאָגט דער פסוק, "על אויביך", כדי צו לערנען דעם מענטש, אַז ביי די מלחמה מיט'ן יצר הרע, דאַרף ער שפּירן אַז ער איז שטאַרקער פון איהם, "על" - ער שטייט העכער פונעם שונא. ער קען מלחמה האַלטן מיט איהם, און אַזוי וועט ער איהם בייקומען[ב].

**דער** אלשיך הקדוש ("תורת משה", פרשתינו) ברענגט אַראָפּ די באַקאַנטע מעשה וואָס ווערט געברענגט אין ספה"ק "חובות הלבבות", אַז אַ חסיד (פּרוש) האָט באַגעגנט סאָלדאַטן פון דעם קעניג אלכסנדרוס צוריקקומענדיג פון אַ מלחמה, און האָבנדיג געזיגט אין די שלאַכטן, זענען זיי געווען גאָר פריילעך אַז זיי האָבן באַוויזן איינצונעמען אַ גרויסע שטאָט. האָט דער חסיד זיי געזאָגט: "לשמחה מה זו עושה?" - וואָס איז דאָ די גרויסע פרייד? איר האָט זיך טאַקע אומגעקערט בשלום פון דער קליינער מלחמה, אָבער איר דאַרפט זיך גרייטן צו אַ גרויסע מלחמה.

---

דריטער, וואָס האָט יאָ געשפּיהרט דעם זיסן טעם פונעם וויין, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעהאַלטן און האָט נישט אויסגעטרינקען דאָס פעסל ביז'ן סוף, האָט ער דאָך געטוהן דעם רצון פונעם קעניג, מיט מסירות נפש, און דעריבער פאַרדינט ער צו ווערן נאָך מער דערהויבן אין ראַנג...

דער נמשל איז, אידישע קינדער פאַלן דורך אַמאָהל, נישט קענענדיג ביישטיין די נסיונות היצר, אָבער פונדעסטוועגן, אויב דער מענטש ווייסט זיך צו שטאַרקן און זיך אויפהייבן פון זיין דורכפאַל, כדי צו טוהן דעם רצון פונעם באַשעפער, כאָטש עס איז זייער שווער, ווייל מ'האָט שוין טועם געווען דעם "טעם פונעם חטא" רח"ל, אַזאַ עבודה איז חשוב'ער פאַר'ן באַשעפער, מער ווי פונעם מענטש וואָס האָט קיינמאָהל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ חטא.

**ב.** דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון ספר "חזון יחזקאל", פלעגט פאַרלערנען חומש-רש"י. אין יענע צייטן, האָט געבושעוועט די ביטערע "השכלה", וואָס האָט ליידער אַוועקגעשלעפּט אַ סאַך יונגע מענטשן רח"ל פון דרך התורה. ביי די פרשה כי תצא, האָבן יענע פאַרשווינען זיך "צוגעכאַפּט" צו די פרשה, מיט די טענה, מ'זעהט דאָך אַז די תורה זאָגט אַז מ'מעג מתיר זיין אַ "יפת תואר" (ד.מ. צו חתונה האָבן מיט אַ נישט אידישע פרוי)... נו, אין די 'היינטיגע צייטן' איז דאָך מותר צו טוהן אויך אַנדערע זאַכן...

ווען ער איז אַריינגעקומען צום שיעור, האָט רבי יחזקאל אַבראַמסקי געזאָגט:

- לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע. די תורה האָט פאַרשטאַנען "לסוף דעתו של אדם", זי ווייסט ווי גרויס עס איז דער כח היצר, און אויב נאָר דאָס (יפת תואר) האָט די תורה מתיר געווען, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס וואָס די תורה האָט נישט מתיר געווען, איז אסור! "ירדה תורה לסוף דעתו", פון יעדן מענטש, און עס איז נישט דאָ אַפילו איין איסור וואָס דער מענטש זאָל קענען טענה'ן אַז ער קען זיך נישט שטאַרקן דערויף.

הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע האָט געזאָגט (מובא בס' "מילין יקירין", שנת תרס"ב, פ' תצא) און אַזוי זאָגט אויך דער "חתם סופר", (ליקוטים, תצא, ד"ה "כי תצא" הב') אויף די ווערטער פון רש"י, "לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע", דער באַשעפער ווייסט זייער גוט די וועגן פונעם יצר הרע, אַז ער זוכט שטענדיג איבערצורעדן דעם מענטש צו זינדיגן ח"ו, אָדער ווען עס קומט צו קיום המצוות, רעדט ער צו דעם מענטש ער זאָל נישט טוהן די מצוה. און וויבאַלד דער באַשעפער האָט נישט געוואָלט אַז אַ איד זאָל וועלן חתונה האָבן מיט אַ "יפת תואר", דעריבער האָט די תורה עס מתיר געווען, און אַזוי וועט דער יצר הרע פּרובירן מיט אַלע כוחות איבערצורעדן דעם מענטש אַז ער טאָר נישט מקיים זיין דעם היתר פון די תורה, און חתונה האָבן מיט די "יפת תואר"...

**האָבן** די סאָלדאַטן געלאַכט פון זיינע ווערטער, און איהם געפרעגט, וועגן וועלכע מלחמה ער רעדט. האָט דער חסיד געענטפערט: דאָס איז די מלחמה פאַר'ן אויבערשטען, וואָס דער מענטש דאַרף פיהרן מיט זיין יצר הרע, וואָס רעדט איהם איבער עובר צו זיין עבירות וואָס מ'טאָר נישט טוהן, און ווער קען דען זאָגן, "איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט מלחמה האַלטן מיט איהם, און איך בין איהם בייגעקומען...".

**און** דער אלשיך הקדוש פיהרט אויס, "זאָל זיך דער מענטש מתבונן זיין, ווייל ער האָט גוט און פינקטליך מכוין געווען, ווען ער האָט געזאָגט אַז אַ מלחמה צווישן צוויי פעלקער, ווערט באַצייכענט אַלס אַ "קליינע מלחמה", אין קעגנזאַץ צו די מלחמה וואָס דער מענטש דאַרף פיהרן מיט דעם יצר הרע"[ג].

**קלערט** אויף דער אלשיך הקדוש, אַז באמת זענען די מלחמות וואָס די פעלקער פיהרן צווישן זיך, בכלל נישט בגדר מלחמות, ווייל דער אויבערשטער איז דאָך דער "איש מלחמה", ער פיהרט די מלחמה. דער מענטש אַליין פאַרלירט נישט און זיגט נישט אין אַ מלחמה, נאָר אַלעס ווערט געפיהרט פון דעם אויבערשטען.

**אַ** ראיה צו דעם קען מען זעהן פון דעם וואָס די היסטאָריע באַווייזט, אַז די גרעסטע און באַרימטסטע אַרמיי געגעראַלן האָבן פאַרלוירן מלחמות, און פון דער צווייטער זייט, האָט אברהם אבינו ע"ה, מיט זיין קנעכט, אליעזר באַזיגט די פיר מעכטיגע קעניגן, און אויך דער "קליין-געוויקסיגער" דוד המלך ע"ה האָט באַזיגט גלית, דעם גרויסן גיבור פון די פלישתים, ווייל דער אויבערשטער איז דער "איש מלחמה", וואָס פיהרט אַלע מלחמות, און באַפעהלט ווער עס זאָל ווערן באַזיגן.

**אַנדערש** איז אָבער מיט די מלחמה קעגן דעם יצר הרע. וואָס ביי דער מלחמה, האָט יעדער מענטש די בחירה צו באַזיגן זיין יצר, אָדער צו גיין חלילה נאָך זיינע גליסטעניש. די חז"ל זאָגן (ברכות לג:) "הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים", אַלעס איז פון הימל, אויסער דער ענין פון יראת שמים. דאָס ווערט גערופן אַ "גרויסע" מלחמה, ווייל די מלחמות וואָס לענדער פירן צווישן זיך, ווערן בטל אַנטקעגן די גרויסע מלחמה.

**דער** "ערוגת הבושם" ברענגט (פרשתינו) אין נאָמען פון דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט וועגן מלחמת היצר, ווי אַזוי קען דער יצר הרע איבעררעדן דעם מענטש ער זאָל עובר זיין אויפ'ן רצון פונעם אויבערשטען, דער יצר הרע איז דאָך אַ מלאך, און ווי אַזוי קען אַ מלאך איבעררעדן מענטשן צו עבירות ח"ו? נאָר וואָס דען, דער מלאך דערפילט די שליחות צוליב וועלכער דער אויבערשטער האָט איהם באַשאַפן. מיט דעם איז ער מקיים דעם רצון פון זיין באַשעפער. דאַרף דער מענטש ענטפערן פאַר דעם יצר הרע, אַז פונקט אַזוי ווי דו ווילסט מיך איבעררעדן צו טוהן אַן עבירה ח"ו, וויבאַלד דאָס איז דיין שליחות פאַר וועלכע דער אויבערשטער האָט דיך באַשאַפן, אַזוי בין איך באַשאַפן געוואָרן צו דינען מיין באַשעפער דורך דיך באַזיגן, און נישט פאָלגן דיינע ווערטער. אַזוי קען איך אויך גורם זיין אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען.

**לויט** דעם, טייטשט דער "ערוגת הבושם" דעם פסוק, "כי תצא למלחמה על אויביך", ווען דו וועסט אַרויסגיין האַלטן די מלחמה קעגן דיין שונא, ווי אַזוי וועסטו קענען מקיים זיין "ונתנו ה' אלקיך בידך"? אויף דעם פיהרט אויס דער פסוק, "ושבית שביו" - דו זאָלסט "פאַנגען" דעם יצר הרע, אויף דעם זעלבן אופן ווי ער וויל דיך פאַנגען. פונקט ווי דער יצר הרע פיהרט אויס דעם רצון הבורא וואָס שיקט איהם איבערצורעדן די

---

**ג.** די גמרא זאָגט (ברכות ה.) "לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע", דער מענטש דאַרף שטענדיג "אונטעררייצן" זיין יצר טוב, קעגן זיין יצר הרע. האָבן צדיקים געטייטשט די דאָזיגע ווערטער פון די חז"ל, "לעולם", דער מענטש דאַרף כסדר שטיין אין דער מלחמה קעגן דעם יצר הרע, ווייל אויב ער שפיהרט אַז ער האָט שוין געוואונען די מלחמה, דאַן איז ער שוין "דערנאָך" ח"ו. ער איז שוין באַזיגט געוואָרן ח"ו פונעם יצר הרע.

הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט, אַז ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש, דאַרף עס אויסזעהן אין די אויגן פון מענטש, ווי ער שטייט מיט אַ האַק און וויל איהם אָפּהאַקן דעם קאָפּ ח"ו. אויב ער שפיהרט נישט אַזוי, איז אַ סימן אַז ער האָט איהם חלילה שוין "אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ" רח"ל.

מענטשן צו עבירות ח"ו, אַזוי טאָר דער מענטש זיך נישט לאָזן פון איהם. ער דאַרף טענה'ן, אַז אויך ער וויל אויספיהרן דעם אויבערשטען'ס רצון, און זיך מדבק זיין אין איהם.

**אפילו** ווען דער מענטש פיהרט שוין אַ מלחמה מיט זיין יצר הרע, און ער פאַלט אַמאָהל אַדורך ח"ו אין דער מלחמה, טאָר ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר ער דאַרף זיך כסדר שטאַרקן אין דעם קאַמף, און צולייגן נאָך "סאָלדאַטן" קעגן דעם גרויסן שונא, דעם יצר הרע, ביז ער וועט איהם באַזיגן. אַזאַ איינער איז דער ריכטיגער "איש מלחמה"[ד].

**דער** "חפץ חיים" זי"ע האט געזאָגט אַ משל ("חפץ חיים", נ"ך, קהלת, י, ד, מובא בהגהות לח"ח עה"ת, פ' בראשית, אות טז) אַ סאָלדאַט איז געשיקט געוואָרן אין דער מלחמה קעגן דעם שונא. אינמיטן די שלאַכטן, האָט אַ פיינטלעכער סאָלדאַט איהם געשאָסן און פאַרוואונדעט אין פינגער. עס האָט גערינען אַ סאַך בלוט. האָט דער סאָלדאַט, פון גרויס פחד, באַלד אַראָפגעוואָרפן זיין ביקס. האָבן זיינע חברים איהם אָהנגעשריגן, "שוטה! דו לאָזסט זיך אַריין אין אַ זיכערע טויט. יעצט, אַז דו האָסט אַראָפגעוואָרפן דיין ביקס, וועט דער שונא דיך קענען אומברענגען ח"ו, אָבער אויב דו וועסט ווייטער האַלטן אין דיין האַנט די ביקס, וועסטו דאָך איהם מעגלעך קענען צוריק באַשיסן, און אַזוי וועסטו איהם אפשר קענען באַזיגן.

**דאָס** זעלבע איז ביי מלחמת היצר. אויב דער מענטש פאַלט אַריין אין יאוש ווען ער זעהט אַז ער איז איינמאָהל אַדורכגעפאַלן, איז דאָס אַליין דער גרעסטער נצחון פאַר דעם יצר הרע, וואָס זיין גאַנצער ציהל איז אַריינצוברענגען אינעם מענטש אַ געפיהל פון יאוש, נאָר מ'דאַרף זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות[ה], און אַזוי קען מען זוכה זיין צום סוף, צו באַזיגן דעם יצר הרע.

### מחה תמחה את זכר עמלק - קיינמאָל נישט אויפגעבן ווייל ביים בוכ"ע ביסטו נישט קיין דורכפאַל

**אַז** מ'טאָר נישט ווערן מיואש, זעהען מיר אויך פון דער היינטיגער סדרה, ביי די פרשה פון "בן סורר

---

**ד.** אַ חסיד האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "תפארת שלמה" זי"ע, איבער די שווערע מלחמה וואָס ער דאַרף פיהרן מיט זיין יצר הרע. ער האָט געזאָגט, "נעכטן האָב איך געהאָרעוועט מיט אַלע כוחות איהם צו באַזיגן, און איך האָב טאַקע באַוויזן איהם ביייצוקומען, אָבער אָט האָט אויפגעשיינט די זון דעם היינטיגן טאָג, און דער יצר הרע האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ...". האָט דער "תפארת שלמה" געזאָגט צו דעם יונגערמאַן:

- דער פסוק זאָגט נישט, כי תצא "לנצחונות", נאָר כי תצא "למלחמה", ווייל דער מענטש קומט נישט אַראָפּ אויף דער וועלט, צו האָבן "נצחונות", נאָר אַז ער זאָל דאָס גאַנצע לעבן זיין אַן "איש מלחמה". ער זאָל נישט נאָכלאָזן, אַפילו איין מינוט, פון די מלחמה.

**ה.** מ'דאַרף כאָטש אויסשרייען אַ "געוואַלד געשריי", אַז מ'וויל נישט אַריינפאַלן אין דער ביטערער נעץ פונעם יצר הרע, ווי הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט (מובא בס' ליקוטי הרי"מ, פרשתינו), אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא (יומא דהילולא, י"ב אלול), אויף דעם פסוק (כב, כד) "על דבר אשר לא צעקה בעיר" וגו', אַז פון דעם קען מען לערנען, אַז דער מענטש קען זיך נישט פאַרענטפערן אַז ער האָט זיך נישט געקענט אַליין העלפן, ווייל מ'זעהט דאָך אַז די תורה האָט מחייב געווען די נערה המאורסה, "על דבר אשר לא צעקה", ווייל אויב זי וואָלט געשריגן, וואָלט מען איר אַוודאי געראַטעוועט. "לכן אין התנצלות להאדם שלא יכול להושיע את עצמו", וועגן דעם קען דער מענטש נישט טענה'ן אַז ער קען זיך נישט אַליין העלפן.

על דרך משל, מ'האָט אַוועקגעשטעלט אַ דאָקטאָר אין שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג אין שפּיטאָל וואו עס ליגן שווער קראַנקע רח"ל. פאַרנאַכטס, האָט מען אָהנגעזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף איין חולה, אַז ער זאָל זיך נישט אויפוועקן, ווייל אויב ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, שרייט ער זייער הויעך פון יסורים רח"ל, און דאַן טוט ער אויפוועקן די גאַנצע אָפּטיילונג. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: "ווי אַזוי קען איך אַכטונג געבן, איינער אַליין, אויף אַ גאַנצע אָפּטיילונג?". האָט די פאַרוואַלטונג פון שפּיטאָל איהם געזאָגט, "אַוודאי קענסטו נישט זיך אַליין אַן עצה געבן, נאָר אויב ער וועט זיך דערוועקן פון שלאָף, זאָלסטו קלינגען מיט'ן 'גלעקל', און די דאָקטוירים וועלן באַלד אַראָפּקומען פון אַן אַנדערן שטאָק".

"ומורה" (כא, יח). די תורה האָט באַפוילן צו הרג'ענען דעם "בן סורר ומורה", וואָס ער וויל נישט אויספאָלגן די ווערטער פון זיינע עלטערן. זאָגן אָבער די חז"ל (סנהדרין דף ע"א) אַז עס האָט קיינמאָהל נישט פּאַסירט די מעשה פון "בן סורר ומורה" ביי אידן, און אויך אין דער צוקונפט וועט עס נישט פּאַסירן: "לא היה, ולא עתיד להיות".

**פון** דעם לערנען מיר אַ לימוד, אַז דער מענטש טאָר נישט פאַרלירן האָפענונג אַז ער קען נישט צוריק דערנענטערט ווערן צום באַשעפער ווייל ער האָט געזינדיגט, נאָר באמת, האָט אויך דער גרעסטער בעל עבירה האָפענונג זיך אומצוקערן צו דעם אויבערשטען, ווי מיר זעהען פון דעם וואָס די גמרא זאָגט (סנהדרין שם) אַז דער "בן סורר ומורה", ווערט געשטראָפט "על שם סופו", ווייל זיין סוף וועט זיין אַז ער וועט זיצן אויף דעם פרשת דרכים און באַרויבן מענטשן, און דעריבער האָט די תורה באַפוילן מ'זאָל איהם שוין יעצט הרג'ענען, "ימות זכאי ואל ימות חייב", זאָל ער ענדערש שטאַרבן אַלס אַן ערליכער איד, איידער ער קומט אָהן צו טוהן די גרעסטע עבירות ח"ו.

און טאַקע אויף דעם האָבן די חז"ל געזאָגט "לא היה ולא עתיד להיות", ס'איז נישט מעגליך מ'זאָל באַשליסן וועגן אַ מענטש אַז ער וועט צום סוף פאַרלוירן גיין ח"ו, נאָר יעדער איד - אַפילו אַ "בן סורר ומורה" - קען טוישן זיינע וועגן, און ווערן ווי אַ ניי געבוירענער מענטש[ו].

---

למעשה, ווען דער בעל יסורים האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער אויפגעוועקט אויך די אַנדערע פּאַציענטן. מ'האָט תיכף אָפּגעזאָגט דעם דאָקטאָר פון זיין פּאָסטן, און מ'האָט איהם נאָך גע'קנס'עט מיט אַ שווערן קנס. האָט ער גע'טענה'ט: "וואָס בין איך שולדיג, אַז איר האָט אַוועקגעשטעלט איין דאָקטאָר אויפצופּאַסן אויף אַ גאַנצע אָפּטיילונג?!" האָבן די אויפזעהער איהם געענטפערט: "אַוודאי ביזטו שולדיג אין דעם, ווייל מ'האָט דאָך דיר אָהנגעזאָגט אַז ווען יענער קראַנקער וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, זאָלסטו קלינגען מיט'ן גלעקל, צו רופן די אַנדערע דאַקטוירים, און דו האָסט נישט געטוהן אַזוי!".

דער נמשל איז, מ'דאַרף "קלינגען מיט'ן גלעקל" ווען דער "קראַנקער" כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. אַז מען "קלינגט מיט'ן גלעקל", באַקומט מען נישט אַן עונש...

**ו.** דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, האָט אַמאָהל געזאָגט צו אַ איד וואָס האָט זיך באַקלאָגט פאַר איהם אַז ער איז נישט בכח כסדר צו האַלטן מלחמה מיט זיין יצר הרע, האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געזאָגט:

- דיין יצר הרע גלייבט אין דיר מער ווי דו אַליין גלייבסט אין זיך... מיר זעהען דאָך אין די חז"ל (ר"ה טז.) אַ טעם פאַרוואָס מ'בלאָזט שופר ראש השנה, "כדי לערבב השטן" - צו צעטומלען דעם שטן. ווען ער הערט בלאָזן שופר ראש השנה, ווערט ער דערשראָקן און צעמישט. ברענגט דאָרט תוספות (ד"ה "לערבב"), אין נאָמען פונעם ירושלמי, אַז דער טעם פאַרוואָס דער שטן ווערט אַזוי צעטומלט, ווייל ער האָט מורא אַז ס'איז דער קול שופר פון משיח צדקינו וואָס איז געקומען אויסלייזן די אידן, ווייל די אידן האָבן שוין תשובה געטוהן. קומט דאָך אויס, אַז דער שטן גלייבט אַז דו ביזט בכח תשובה צו טוהן, אָבער דו אַליין גלייבסט נישט אין דעם, אַז דו קענסט אָפּמעקן דיין גאַנצן עבר, און ווערן אַ נייער מענטש!

דאָס איז איינער פון די וועגן פונעם יצר הרע, צו פּרובירן אַריינברענגען געפיהלן פון יאוש אינעם מענטש, ווי דער "שפת אמת" שרייבט (פ' תצא תרל"ד, ד"ה "כי תצא מחנה על אויביך"), אויף דעם פסוק (תהלים לז, טז) "טוב מעט לצדיק מהמון רשעים רבים". דער יצר הרע זוכט צו ווייזן פאַר דעם מענטש אַ סאַך קליינע "רשעות'ן" וואָס ער איז באַגאַנגען, כדי אַזוי אַרום צו צעברעכן זיין גייסט. דער מענטש דאַרף אָבער ענטפערן פאַר זיין יצר הרע, ריכטיג טאַקע, איך האָב "מעט לצדיק" - ווייניג "צידקות", אָבער דווקא פון דאס ביסל טוה איך שעפּן שמחה און התחזקות, און אַזוי שטאַרקט ער זיך אויף דעם יצר הרע.

דאָס איז די כוונה פון פסוק, "טוב מעט לצדיק" - עס איז בעסער פאַר דעם מענטש צו זעהן "מעט לצדיק" - ווי ער האָט ווייניג צידקות, ווי איידער צו קוקן אויף "המון רשעים רבים" - די פיהלע עבירות מיט וועלכע דער יצר הרע וויל איהם אַריינברענגען אין יאוש ח"ו.

מיר האָבן שוין אַמאָהל נאָכגעזאָגט דעם משל, אַ פיפיגער גנב האָט געבאַרגט פון זיין חבר 100 דאָלאַר, און אַ טאָג שפּעטער, האָט ער איהם געזאָגט: "איך בין דיר שוין שולדיג 100 דאָלאַר, באָרג מיר נאָך אַ הונדערטער, וועט

דער חוב זיין צוויי הונדערט דאָלאַר...". אַזוי האָט ער געטוהן מיט מערערע מענטשן, ער האָט כסדר געבאָרגט פון עמיצן געלט, און דערנאָך געזאָגט, "איך קום דיר שוין הונדערט דאָלאַר, באָרג מיר נאָך אַ הונדערטער, וועט דער חוב זיין צוויי הונדערט...".

איינמאָהל האָט ער אָהנגעטראָפן אַ קלוגן מענטש, מיט וועמען ער האָט געוואָלט מאַכן די זעלבע "קונץ". קודם, האָט ער געבאָרגט פון יענעם אַ הונדערטער, אָבער ווען ער איז געקומען דאָס צווייטע מאָהל, און איהם געזאָגט זיין אַלטן "פזמון"... "איך קום דאָך דיר שוין הונדערט דאָלאַר, באָרג מיר נאָך אַ הונדערטער, און איך וועל דיר שולדיג זיין 200...", האָט דער קלוגער פיקח איהם געענטפערט: "דו ביזט מיר גאָהרנישט שולדיג... און גיי פון דאַנען!".

אַזוי פיהרט זיך דער יצר הרע מיט'ן מענטש. ער קומט איהם איבעררעדן צו אַן עבירה, און אַ טאָג שפּעטער, זאָגט ער איהם, "דו האָסט דאָך שוין סיי ווי עובר געווען אויף דעם רצון הבורא. קיין 'צדיק יסוד עולם' ביזטו דאָך שוין ממילא נישט, און ממילא, קענסטו ווייטער זינדיגן". אַזוי פאַרפיהרט ער דעם מענטש, דורך איהם איינרעדן אַז ער איז ממילא אַ גרויסער בעל עבירה רח"ל. אָבער אַ קלוגער מענטש זאָגט צום יצר הרע באַלד ווען ער קומט צו איהם דאָס צווייטע מאָהל, "איך בין אַ צדיק הדור, און איך האַלט נישט ביים זינדיגן...". אַזוי וועט ער איהם דערווייטערן פון זיך.

עס האָט דערציילט הרה"ח רבי שלמה טויסיג הי"ו, וועלכער האָט משמש געווען הרה"ק רבי יודא'לע דזיקוב'ער זי"ע, וועלכער האָט בערוב ימיו, אויף דער עלטער, גאָר ווייניג גערעדט, אַז איינמאָהל, די ערשטע נאַכט סוכות, ווען הרה"ק רבי יודא'לע איז שוין געשטאַנען גרייט מיט'ן בעכער אין דער האַנט, צו מאַכן "קידוש", האָבן די משמשים פלוצלינג באַמערקט, אַז דער "שלאַק" איז פאַרמאַכט, און מ'זיצט חוץ לסוכה. מ'האָט אַלזאָ, באַלד געעפענט דעם שלאַק, און רבי יודא'לע האָט געמאַכט קידוש. אנשטאט דעם אַז רבי יודא'לע זאָל זיך בייזערן אויף די משמשים אַז עס האָט געקענט פאַסירן אַזאַ זאַך, האָט ער זיך צעלאַכט, און גאַנץ יום טוב, האָט ער "געבראַכן" זיין שטילשווייגן. יעדער איינער וואָס האָט באַזוכט רבי יודא'לען, האָט געהערט פון איהם, אַז מ'האָט געמיינט אַז "מ'כאַפּט מלאכים", אָבער דערווייל האָט ער שיער געגעסן מיט התלהבות, דעם ערשטן "כזית" חוץ לסוכה...

מיט דעם האָט רבי יודא'לע מסתמא געמיינט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז מ'טאָהר נישט אויפגעבן די שמחת החיים אין עבודת השם. ער האָט גאָר געמאַכט אַן "עסק", פון דעם וואָס ער האָט שיער געגעסן דעם ערשטן "כזית", חוץ לסוכה...

דער גאון רבי ברוך בער זצ"ל פון קאַמעניץ, בעל "ברכת שמואל", האָט אַמאָהל געזאָגט: דער יצר הרע לאָזט קיינעם נישט במנוחה. ער זוכט איבערצורעדן יעדן איינעם נישט צו טוהן דעם רצון הבורא. נו, וואָס, למשל, קען דער יצר הרע זאָגן פאַר אַ ראש ישיבה? ער זאָל נישט לערנען? ער איז דאָך אַ ראש ישיבה, וואָס וויל און דאַרף לערנען גמרא מיט תוספות. אויך פון יראת שמים, קען ער איהם נישט מדחה זיין, ווייל ער וועט דאָך איהם סיי ווי נישט פאָלגן. קומט ער דעריבער צו אַ ראש ישיבה, און רעדט איהם איין אַז ער זאָל מחמיר זיין מיט איבעריגע חומרות, ביז צו "נערוון", וואָס פאַרפירן דעם מענטש "על דעתו ועל דעת קונו" ח"ו.

און רבי ברוך בער האָט אויף דעם דערציילט, וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם זעלבסט. נאָך די ערשטע וועלט מלחמה, האָט רבי ברוך בער געוואוינט אין ווילנא, צוזאַמען מיט זיין פאָטער, דער גאון רבי שמואל לייבאָוויץ זצ"ל. דאָרט איז רבי שמואל געוואָרן נישט געזונט ל"ע, און רבי ברוך בער איז געזעסן ביי זיין טאַטן'ס קראנקען בעט גאַנצע טעג און נעכט, ממש נישט אָפּטרעטנדיג פון זיין בעט, מכח מצוות כיבוד אב.

איינמאָהל האָבן זיינע מקורבים גע'פועל'ט ביי רבי ברוך בער, ער זאָל זיך טוישן מיט אַנדערע מענטשן, און צולאָזן אויך אַנדערע זיצן ביי נאַכט ביי זיין טאַטן'ס בעט, און בלית ברירה, האָט רבי ברוך בער איינגעשטימט.

איין נאַכט ווען עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ צווייטער, איז דער טאַטע רבי שמואל נפטר געוואָרן. רבי ברוך בער האָט געהאַט גרויס חלישות הדעת דערפון, טראַכטנדיג, אַז אויב ער וואָלט זיך אַליין מער אָפּגעגעבן מיט'ן טאַטן, וואָלט ער אפשר נאָך געלעבט. ער האָט זיך אַזוי מצער געווען פון די דאָזיגע געדאַנקען, אַז עס האָט ממש געהערשט אַ סכנה אויף זיין לעבן ח"ו.

אַ צייט שפּעטער, איז דער "חפץ חיים" זי"ע געקומען קיין ווילנא אויף אַן אסיפת הרבנים, וואו אויך רבי ברוך בער האָט זיך באַטייליגט. בשעת די אסיפה, האָט דער "חפץ חיים" זיך פאַרמאַכט אין אַ זייטיגן צימער מיט רבי

**דאָס** איז מרומז אויך אין דער פרשה פון מחיית עמלק, וואָס מיר לייענען ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה. די חז"ל זאָגן (תנחומא, תצא, י), אַז עמלק האָט זיך צוגעשעפּעט צו די "נחשלים", ווען דער וואָלקן האָט אויסגעשפּיגן, און ער האָט אַריינגעברענגט אין זיי געפיהלן פון יאוש, זאָגנדיג, דו ביסט דאָך שוין אַן "אַרויסגעפאַלענער" (נחשל"), און דו האָסט מער נישט קיין שום האָפענונג ח"ו. אָבער מיר האָבן אַ מצוה פון "מחה תמחה את זכר עמלק", אויסצומעקן דעם אָנדענק פון דעם רשע עמלק ימ"ש, און אויסשרייען מיט אַ הויעך קול, אַז "יעדער איד איז טייער ביי דעם אויבערשטען". ביים באַשעפער ברוך הוא, זענען נישט דאָ קיין "נחשלים" ח"ו[ז].

**אַזוי** שרייבן די ספרים אויפ'ן פסוק (תהלים כ, ט) "המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד". זיי האָבן געקניהט און זענען געפאַלן, און מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט און מיר זענען געוואָרן דערמוטיגט. דאַרף מען פאַרשטיין, די צדיקים פאַלן דאָך נישט, אויב אַזוי, וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן, "המה כרעו ונפלו, ואנחנו לא נפלנו", זיי זענען געפאַלן, אָבער מיר זענען נישט געפאַלן?... מוז מען זאָגן, אַז עס איז נישט דאָ אַזאַ מציאות ווי אַז "מען פאַלט נישט". יעדער מענטש פאַלט אַמאָהל, נאָר "ואנחנו קמנו ונתעודד", מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט פון אונזער נפילה. "המה" - אָבער זיי זענען געבליבן ביי זייער "נפילה": "כרעו ונפלו".

**אַזוי** זאָגט שלמה המלך ע"ה (משלי כד, טז) "שבע יפול צדיק", דער צדיק פאַלט טאַקע זיבן מאָהל, אָבער "וקם" - ער הייבט זיך אויף פון זיין אַראָפּפאַל, און אויך נאָכ'ן פאַלן ווערט ער נאָך אַלץ גערופן "צדיק", טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון זיין נפילה[ח].

**דער** מענטש אַליין, האָט דאָך פאַרשידענע תקופות, טעג פון אהבה צום אויבערשטען, און טעג פון 'שנאה' ח"ו, ווי עס שטייט אין ספר הישר לרבינו תם (שער ששי) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, טו) "כי תהיינה לאיש שתי נשים, האחת אהובה

---

ברוך בער, און גערעדט מיט איהם וועגן דעם ענין פון תשובה, אָהנכאַפּנדיג רבי ברוך בער'ס האַנט. ער האָט מערערע מאָהל איבערגע'חזר'ט, אַז דער כח פון תשובה איז אַזוי גרויס, אַ נישט נאָר וואָס די עבירה ווערט אינגאַנצן אָפּגעמעקט, נאָר דער גאַנצער מהות פונעם מענטש ווערט איבערגעדרייט.

הערנדיג די ווערטער פונעם "חפץ חיים", איז רבי ברוך בער געוואָרן אַזוי אויפגעהייטערט און דערמונטערט, אַז ער האָט אויסגערופן פון גרויס פרייד:

- אַ נייער ברוך בער! אַ נייער ברוך בער!

ער איז צוריקגעגאַנגען פאָרלערנען ווייטער זיינע טיפזיניגע שיעורים פאַר די תלמידים, און ער האָט אַלע יאָהרן געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסע הכרת הטוב פאַר'ן "חפץ חיים" זי"ע, וועלכער האָט ממש "אַריינגעגאָסן" אין איהם אַ גייסט פון לעבן, מיט זיינע ווערטער פון חיזוק.

**ז.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט געזאָגט, אַז די מלחמה מיט עמלק, איז אַ כסדר'דיגע מלחמה, וואָס האָט נישט קיין סוף. אפי' אויב מ'פאַלט דורך אין דער מלחמה, דאַרף מען זיך ווייטער שטאַרקן און ווייטער קעמפן מיט עמלק. דער "בית ישראל" האָט געזאָגט וועגן דעם, "עמלק" איז ענדליך (נוטריקון) ווי "אַמאָהל לייג", וואָס מיינט צו זאָגן, "אַמאָהל לייגט ער מיך אַראָפּ, און אַמאָהל לייג איך איהם אַראָפּ"... דער עיקר איז, נישט צו ווערן געפאַלן ביי זיך, נאָר מ'זאָל קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן איהם.

**ח.** דער בעלזער רב זי"ע פלעגט זאָגן, אַז דער יצר הרע אַרבעט איינצורעדן דעם מענטש, אַז ער איז שוין "געפאַנגען" ביי איהם ח"ו. אויף דעם זאָגט דער פסוק "ושבית שביו", דו זאָלסט "פאַנגען" דעם יצר הרע, ווען ער וויל דיר איינרעדן אַז דו ביזט שוין אַ "געפאַנגענער" ח"ו.

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט, אַ יונגערמאַן האָט זיך אָפּגערעדט פאַר'ן קאָברינער זי"ע, אַז די "בלאָטע" (פונעם יצר הרע) איז גרויס... האָט דער קאָברינער איהם געזאָגט:

- די גרעסטע בלאָטע, אויב מ'גיסט נישט אַריין נאָך וואַסער אין די בלאָטע, ווערט עס אויסגעטריקענט...

דאָס זעהען מיר אין דער גמרא (קידושין מט.) "האומר לאשה הרי את מקודשת לי על מנת שאני צדיק גמור, אפילו רשע גמור מקודשת, שמא הרהר תשובה בלבו". אויב איינער זאָגט צו אַ פרוי, דו וועסט זיין מיין ווייב נאָר

והאחת שניאה וגו' לא יוכל לבכר את בן האהובה על פני בן השניאה בן הבכור, כי את הבכור בן השניאה יכיר".

**זאָגט** רבינו תם, אַז דער פסוק איז מרמז, אַז עס זענען פאַראַן ימי אהבה און ימי שנאה, זמנים פון עליה און זמנים פון ירידה. "ימי אהבה", עס לערנט זיך, עס דאַווענט זיך, און "ימי שנאה" - עס לערנט זיך נישט, עס דאַווענט זיך נישט, ס'איז שווער. זאָגט דער פסוק: "והיה הבן הבכור לשניאה" - זאָלסט וויסן, די ערשטע זאַך איז באַליבט ביי דעם אויבערשטען די עבודה וואָס דו האָסט אין די טעג פון ירידה, "לא יוכל לבכר את בן האהובה", דער מענטש שרייט, איך וויל נאָר האָבן ימי עליה, אויף דעם זאָגט דער פסוק "כי את הבכור בן השניאה יכיר לתת לו", ווען עס וועט קומען דער זמן פון "יכיר לתת לו", דאַן וועסטו זעהן אַז דער מענטש באַקומט פיל מער שכר פאַר די שווערע זמנים[ט].

### אלו"ל - א'יש ל'רעהו ו'מתנות ל'אביונים

**די** ספה"ק זאָגן ("ישמח ישראל", פ' ראה, אות ג' "דורשי רשימות אומרים") אַ רמז אין פסוק (אסתר ט, כב) **א'יש ל'רעהו ו'מתנות ל'אביונים**, ראשי תיבות אלו"ל, אַז אין די טעג פון חודש אלול, דאַרף מען טיילן מער צדקה, און בכלל, דאַרף מען זיך שטאַרקן אין אַלע ענינים בין אדם לחבירו, צו טוהן חסד מיט אַנדערע אידן, און נישט גורם זיין חלילה צער און עגמת נפש פאַר אַ צווייטן.

**דער** זוהר הקדוש (ח"ב צב.) זאָגט, אַז יעדן טאָג וואָס אַ מענטש טוט אין איהם אַ חסד מיט אַ צווייטן איד, איז דער טאָג פאַר איהם ווי אַן "אפוטרופוס" (וואָס זאָרגט פאַר די באַדערפענישן פון יתומים רח"ל) אין הימל.

**אַזוי** שרייבט אויך דער שלה"ק ז"ל (מסכת פסחים, סו"פ נר מצוה) אויפ'ן פסוק (תהלים נב, ג) "חסד א-ל כל היום", אַז עס איז ראוי פאַר'ן מענטש עס זאָל נישט

---

מיטן תנאי אַז איך בין אַ צדיק גמור, איז אַפילו אויב ער איז אַ רשע גמור, איז זי מקודשת, ווייל מיר זאָגן, אפשר האָט ער געהאַט אַ הרהור תשובה.

פרעגט דער "מנחת חינוך" (מצוה שסד), תשובה קומט דאָך צוזאַמען מיט ווידוי, און עס איז נישט גענוג אַ הרהור תשובה? ווי אַזוי ווערט ער אַ צדיק גמור מיט אַ הרהור תשובה?

ענטפערט דער "מנחת חינוך", עס זענען דאָ צוויי אופנים פון תשובה. איין הלכה איז, מ'דאַרף תשובה טוהן כדי מכפר צו זיין אויף די עבירות, און אויף דעם דאַרף מען זאָגן ווידוי. דאָס טוט מען יום כיפור. אָבער צו זיין אין דער בחינה פון אַ צדיק גמור, איז גענוג אַ הרהור תשובה! ווען אַ איד שטעלט-אָפּ אַ "בלאָטע", ער וויל תשובה טוהן, איז ער שוין אין דער בחינה פון אַ "צדיק גמור".

און טאַקע אויף דעם, צוצוגרייטן פאַר זיך אַ פנים פון אַ "צדיק גמור", אַרבעטן מיר אין חודש אלול, ווען מ'פרובירט אָפּרייניגן די "בלאָטע".

הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאָגט ("תקנת השבין", אות טו, ועוד) אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגן אַז תשובה העלפט נאָר ביי אידן, נישט ביי די גוים, ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא (האזינו, ד) "עושה תשובה, נושא לו פנים, יכול לכל, תלמוד לומר אליך, ולא לאומה אחרת". ווען אַ איד טוט תשובה, ווערט דער אויבערשטער איבערגעבעהטן צו איהם. וואָלט איך געוואָלט מיינען אַז אויך די גוים קענען תשובה טוהן, זאָגט דער פסוק (דברים ל, יד) "כי קרוב אליך הדבר מאד", דרש'ענט מען, "אליך" - נאָר ביי אידן פועל'ט תשובה, "ולא לאומה אחרת" - אָבער נישט ביי גוים.

פרעגט הרה"ק רבי צדוק, מיר געפינען דאָך ביי די אנשי נינוה, אַז זיי האָבן תשובה געטוהן, און דער אויבערשטער האָט אָהנגענומען זייער תשובה? ענטפערט ער, אַז תשובה אויסצומעקן אינגאַנצן דעם עבר, העלפט נאָר ביי אַ איד, אָבער צו ראַטעווען אַ מענטש פון פורענות, העלפט תשובה אויך פאַר גוים. אויב ער שטעלט אָפּ זיינע מיאוס'ע מעשים, ווערט ער געראַטעוועט פון פורענות.

**ט.** אַזוי האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געטייטשט דעם פסוק (קהלת ט, טז) "חכמת המסכן בזויה". בזוי"ה אותיות בזו י"ה, דווקא אין די צייטן ווען דער מענטש שפיהרט זיך אָרים ("מסכן") ברוחניות, אָבער ער וויל מלחמה האַלטן מיט'ן יצר הרע, דייקא דעמאָלטס איז "בזו י"ה", איז דער באַשעפער מיט איהם.

אַריבערגיין אַפילו איין טאָג פון זיין לעבן, וואָס ער טוט נישט אין איהם אַ חסד מיט זיין חבר אין דעם טאָג, סיי בגוף, סיי בממון'.

די האַרבקייט פון מצער זיין אַ צווייטן ח"ו, לערנען מיר אין דער היינטיגער פרשה (כב, י) "לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו", דו זאָלסט נישט אַקערן מיט אַן אָקס און אייזל צוזאַמען. זאָגן די בעלי התוספות (אין ספר "דעת זקנים") אַ טעם פאַרוואָס מ'טאָהר נישט אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען, ווייל דער אָקס האָט אַ נאַטור, צו קייען דאָס שפייז אַ לאַנגע צייט, פיהל לענגער ווי דאָס אייזל, וואָס איז נישט אַ "מעלה גרה". אויב ביידע וועלן אַקערן צוזאַמען, וועט דאָס אייזל הערן אַז דער אָקס קייעט נאָך, און ער וועט האָבן צער דערפון, מיינענדיג אַז דער בעל הבית האָט געגעבן פאַר דעם אָקס מער שטרוי ווי פאַר איהם. וועגן דעם האָט די תורה גע'אסר'ט צו אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען.

מיר דאַרפן זיך שטאַרק מתבונן זיין דערין, אַז אויב אַן אייזל וואָס איז מקנא דעם אָקס ווייל ער האָט אַ דמיון, עס דאַכט זיך איהם אַז דער אָקס האָט באַקומען מער שפייז, טאָר מען איהם נישט מצער זיין ער זאָל אַזוי טראַכטן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מ'טאָר נישט גורם זיין אַ צער ח"ו פאַר אַן אַנדערן איד, אפילו אויב יענער איז נישט גערעכט מיט זיין צער, ווייל עס "דאַכט זיך איהם" נאָר אַז מ'איז איהם מצער.

**ענדליבע** ווערטער, שרייבט דער ספר החינוך (מצוה תקנ) אַ טעם פאַרוואָס מ'טאָר נישט אַקערן

---

**י.** נאָך מער שרייבט הגאון רבי איצעלע וואָלאָזשינער זצ"ל, אין נאָמען פון זיין פאָטער, דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל, אַז דער מענטש דאַרף וויסן אַז זיין גאַנץ קומען אויף דער וועלט, איז אינגאַנצן נישט פאַר זיך, נאָר צו העלפן און טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן.

אין דער ישיבה פונעם "חפץ חיים" זצ"ל, האָט געלערנט אַ בחור וואָס האָט געהאַט אַן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, און איז געווען בכח מעורר צו זיין אידן מיט זיינע דרשות. אַמאָהל האָבן אידן פון אַ שטעטל נעבן ראַדין, געבעהטן דעם בחור ער זאָל קומען אויף ראש השנה אין זייער שטעטל, כדי מעורר צו זיין דעם דאָרטיגן ציבור צו תשובה, מיט אַ דרשה פאַר תקיעת שופר, און אַנדערע זמנים. דער בחור האָט זיי אָבער אָפגעזאָגט, מיט די טענה, אַז ער וויל זיין ראש השנה ביים רבי'ן, דעם "חפץ חיים" זצ"ל, אין ראַדין.

זענען די אידן געגאַנגען צום "חפץ חיים", און איהם דערציילט אַז דער בחור וויל נישט קומען מיט זיי. האָט דער "חפץ חיים" אַריבערגערופן דעם בחור, און איהם באַפוילן צו פאָהרן אַהין צו זייער שטעטל, זאָגנדיג: אַ איד קומט נישט אויף דער וועלט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע. וויבאַלד אַ ציבור נויטיגט זיך אין דיר, אַז דו זאָלסט קומען צו זיי אין שטעטל, ביזטו מחויב אַהין צו פאָהרן, ווייל פאַר דעם תפקיד ביזטו אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.

כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א דערציילט, אַז אַמאָהל אלס אינגערמאַן, ווען ער איז געגאַנגען אין שוהל צו דאַווענען מנחה אויף רחוב מאה שערים אין ירושלים, איז אַדורכגעפאָהרן אַ יונגערמאַן, און איהם איינגעלאַדנט זיך אַריינצוזעצן אין זיין אויטאָ, צוגעבנדיג אַז ער וועט איהם שוין צופיהרן ביז די שוהל. ער האָט זיך אָבער אָפגעזאָגט דערפון, זאָגנדיג אַז ער וויל ענדערש גיין צופוס, צוליב "שכר פסיעות". דער יונגערמאַן האָט איהם אָבער מפציר געווען ער זאָל זיך אַריינזעצן אין זיין אויטאָ, און ער האָט אַזוי געטוהן.

אויפ'ן וועג, האָט דער יונגערמאַן אויפגעקלערט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געבעהטן ביי איהם אַז ער זאָל זיך אַריינזעצן אין זיין אויטאָ, ווייל מיט יאָהרן צוריק, ווען ער האָט געקויפט דעם אויטאָ, האָט ער געבעהטן ביי זיין רבי'ן, דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, אַ סגולה געראַטעוועט צו ווערן מכל פגעים רעים ומרעין בישין וואָס טרעפן זיך ח"ו אונטערוועגנס. האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט, ער זאָל זעהן צו טוהן יעדן טאָג אַ חסד מיט זיין אויטאָ. און דער יונגערמאַן האָט אויסגעפיהרט, אַז עס איז שוין 12 יאָהר וואָס ער טוט אַ חסד מיט זיין אויטאָ, און אין דעם זכות, האָט ער קיינמאָהל נישט געדאַרפט פאַררעכטן זיין קאַר, אָבער היינט, איז שוין פאַריבער דער גרעסטער טייל פון טאָג, און יעצט פאָהרט ער דאָס לעצטע מאָהל פאַר'ן היינטיגן טאָג, און ער האָט נאָך נישט געטוהן היינט אַ גמילות חסד מיט'ן אויטאָ, וועגן דעם האָט ער איהם אַזוי געבעהטן מיטצוקומען מיט איהם, ביז'ן שוהל.

מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען, צוליב "צער בעלי חיים". שרייבט דער "חינוך", עס איז באַקאַנט אַז בהמות און עופות האָבן נישט ליב צו זיין צוזאַמען מיט אַן אַנדערן מין, און אַוודאי נישט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי, ווי מיר זעהען ביי די בעלי חיים, אַז יעדער פויגל רוהט צווישן די עופות פון זיין מין.

שרייבט דער "חינוך" ווייטער, אַז פון דעם דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען, נישט צו באַשטימען צו איין תפקיד, צוויי מענטשן וואָס זייער נאַטור איז אַנדערש, ווייט איינער פון צווייטן. איבערהויפּט פון וואס מיר זעהען אַז די תורה האָט מקפיד געווען אויף "צער בעלי חיים" אַפילו פון חיות און בהמות וואָס האָבן נישט קיין פאַרשטאַנד, איז דאָך אַוודאי געוויס ביי מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַ "נפש משכלת" - שכל צו פאַרשטיין, און זיי קענען דעם באַשעפער ב"ה, אַז מ'טאָר זיי נישט מצער זיין[יא].

פון די אַנדערע זייט אבער, דאַרף דער מענטש וויסן, אַז אויב עס מאַכט זיך איהם ח"ו רדיפות און צער, דאַן געפינט ער זיך מורא'דיג נאָנט צום אויבערשטן. און בכלל, איז די צער וואָס ער גייט יעצט אריבער

---

**יא.** דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל איז אַמאָהל צוגאַסט ביי זיינעם אַ תלמיד אויף שבת. פאַר די סעודה פרייטאָג צו נאַכטס, האָט דער תלמיד דערציילט פאַר רבי ישראל סאַלאַנטער, אַז ביי איהם אין קאך, אַרבעט אַן אלמנה, און זיין רעביצין קוקט זיך כסדר אום צו אַלעס איז דאָרט אין אָרדענונג. ער האָט צוגעגעבן, אַז די סעודה דויערט געווענטליך לאַנגע שטונדן, ביז צו די קליינע שעה'ן פון די נאַכט... האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געזאָגט, אַז היינט וויל ער אַז די סעודה זאָל גיין לויט זיינע הוראות. ער האָט באַלד געהייסן מקצר זיין ביי די סעודה. ביי די סעודה, האָט רבי ישראל סאַלאַנטער געזאָגט אַ קורצע דבר תורה, און שנעל אָפּגעזינגען די זמירות. אויך האָט ער געהייסן אַריינגעבן וואָס פריהער די פיש, און פלייש, און די אַנדערע מאכלים. אַזוי אַז מ'האָט געבענטשט גאַר פרי, צו די פאַרוואונדערונג פונעם תלמיד.

נאָך ברכת המזון, האָט דער תלמיד געפרעגט דעם גאון רבי ישראל סאַלאַנטער, "ילמדנו רבינו", אויב ער האָט געפונען אַ "פסול" אין זיין סעודה... רבי ישראל האָט גאָהרנישט געענטפערט, נאָר געזאָגט אַז ער וויל גיין זאָגן "גוט שבת" פאַר די אלמנה. ווען ער האָט איר געזאָגט "גוט שבת", האָט ער איר איבערגעגעבן פאַר דעם וואָס ער האָט איר מטריח געווען דורך צואיילן די סעודה, די פיש און פלייש, א.א.וו. האָט די אלמנה געזאָגט: "יהי רצון שיהא לשבת הבאה כן"... הלוואי יעדע וואָך אַזוי שנעל... און זי האָט צוגעגעבן: "יעדע וואָך, דויערט די סעודה דאָ זייער לאַנג, אַזוי אַז ווען איך קום אַהיים, שלאָפן שוין מיינע קינדער, די יתומים... היינט, וועל איך יאָ קענען פראַוון די שבת'דיגע סעודה, מיט מיינע קינדער...".

דערנאָך האָט רבי ישראל סאַלאַנטער געזאָגט צו זיין תלמיד: "דו האָסט פאַרשטאַנען? אַוודאי איז אַ גרויסע זאַך צו פראַוון אַ סעודת שבת ווי געהעריג, אָבער נישט אויף יענעמ'ס חשבון!...".

הגאון רבי יעקב לאַנדאָ זצ"ל אב"ד בני ברק, האָט דערציילט, אַז אַלס בחור, אין צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, איז ער געווען ביי הרה"ק רש"ב מליובאַוויטש זי"ע, וועלכער האָט דעמאָלטס געוואוינט אין ראָסטאָוו. ביי די שבת'דיגע סעודה, איז הרב לאַנדאָ געווען דער איינציגער גאַסט ביי די סעודה. בשעת'ן עסן די זופּ, האָט הרב לאַנדאָ באַמערקט אַז די שטוב מענטשן שמייכלען... האָט ער געקוקט אויפ'ן רש"ב, און באַמערקט אַז דער רש"ב האָט שוין געענדיגט עסן די זופּ, אָבער ער האַלט נאָך אין זיין האַנט דעםליידיגן לעפל, מאַכנדיג זיך ווי ער עסט נאָך... דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דער בחור, הרב לאַנדאָ, האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן עסן די זופּ, און כדי ער זאָל זיך נישט שפּיהרן אומבאַקוועם, האָט דער רבי רש"ב געהאַלטן דעם לעפל אין האַנט, גלייך ווי ער עסט נאָך די זופּ...

איינער פון די אידן וואָס פלעגט אָפט מאָהל דאַווענען אַלס שליח ציבור ביים עמוד, ביי הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע פון ירושלים, האָט געהאַט ביי זיך, כתבים פון הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, וואָס זענען ווערד געווען אַ סאַך געלט (בפרט אין יענע צייטן, ווען אַ סאַך אידן אין ירושלים האָבן אַפילו נישט געהאַט געלט אויף חלות לכבוד שבת). אַמאָהל פרייטאָג, ווען ער איז געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה, האָט זיין בני בית גערייניגט דאָס הויז, און בטעות, מיינענדיג אַז עס איז "שמות", האָט זי אַריינגעוואָרפן די כתבים פונעם חידושי הרי"ם אין "גניזה"... ווען דער מאַן איז אהיים געקומען און געזעהן וואָס דאָ האָט פאַסירט, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט אויף איר.

באמת נאָר אַ טובה פאַר איהם, ווי דער "אור החיים" הקדוש זאָגט אין דער היינטיגער פרשה, אויפ'ן פסוק (כא, טו) "כי תהיין לאיש שתי נשים, האחת אהובה והאחת שניאה, והיה הבן הבכור לשניאה". אויב אַ מענטש וועט האָבן צוויי פרויען, איינע וועט זיין באַליבט און די צווייטע וועט זיין פאַרפיינטעט, און דער בכור וועט געבוירן ווערן ביי די פרוי וואָס ער האָט פיינט.

**זאָגט** דער "אור החיים", אַז דער פסוק זאָגט אַ לשון וודאי: "והיה" הבן הבכור לשניאה, און נישט "אם" יהיה הבן הבכור לשניאה, - ווייל דער אויבערשטער זוכט צו העלפן און אונטערלענען די צובראָכענע הערצער, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כט, לא) "וירא ה' כי שנואה לאה", דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז יעקב האָט פיינט לאה, און דערפאַר איז זי געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, ביפאָר רחל.

**אַזוי** זאָגט דער רלב"ג ז"ל (פון די ראשונים)(ש"א ז, טו) אַז דערפאַר האָט פנינה געהאַט קינדער, פריהער ווי חנה, ווייל אלקנה האָט ליב געהאַט חנה, און נישט פנינה, "להודיע כי השם יתברך משגיח בשפלים", כדי דיך צו לאָזן וויסן, אַז דער אויבערשטער קוקט זיך אום אויף די מענטשן וואָס האָבן אַ צובראָכן האַרץ. "ולזה, מפני שראה השם יתברך כי חנה היתה האהובה אצל אלקנה", און וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז חנה איז באַליבט ביי אלקנה, און נישט פנינה, "נתן לפנינה ילדים, ולחנה אין ילדים" - וועגן דעם האָט ער צוערשט געגעבן קינדער פאַר פנינה, און נישט פאַר חנה. "וכמו שנזכר בתורה בדומה לזה בענין רחל ולאה", ווי מיר געפינען אין דער תורה אַן ענליכע פאַסירונג, ביי רחל און לאה (וואָס לאה איז פריהער געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, ווייל זי איז געווען "שנואה"). ביי אלקנה, איז פנינה נישט געווען פאַרפיינטעט, אָבער ווייל ער האָט מער ליב געהאַט חנה'ן, איז פנינה געהאָלפן געוואָרן פריהער.

**והיה מחניך קדוש - השראת השכינה ווענדט זיך אין שמירת הקדושה**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (כג, טו) "כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחנך להצילך ולתת אויביך לפניך, והיה מחניך קדוש". דער אויבערשטער גייט פאַר דיר צו ראַטעווען דיך, און צו אונטערטעניגן דיין שונא פאַר דיר, און זיין מחנה זאָל זיין הייליג.

**די** צייט מכניע צו זיין דעם הויפט שונא - דעם יצר הרע - איז אין חודש אלול, ווי די ספרים זאָגן ("חסד לאברהם" "שפת אמת" פרשתינו) ל'הצילך ו'לתת א'ויביך ל'פניך, איז ראשי תיבות אלו"ל, ווייל אין דעם חודש געפינט זיך דער אויבערשטער צווישן אונז, צו אונז העלפן מלחמה האַלטן קעגן דעם יצר הרע[ב]. עס איז דער זמן פון "להצילך ולתת אויביך לפניך". עס איז

---

שפעטער, ווען ער איז געקומען צו קבלת שבת ביי הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן, האָט רבי דוד'ל איהם נישט געלאָזט צוגיין צום עמוד, נאָר געזאָגט אַז פריהער, זאָל ער גיין איבערבעהטן זיין בני בית.

אַוודאי איז ער געווען גערעכט, ווייל זי האָט דאָך אַרויסגעוואָרפן אַזאַ טייערן כתב-יד פונעם "חידושי הרי"ם", אָבער צו זאָגן "לכו נרננה" פאַר'ן עמוד ביי רבי דוד'ל בידערמאַן, האָט מען געדאַרפט האָבן מידות טובות...

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע האָט געשריבן אין אַ בריוו צו זיין איידים, הרה"ק רבי משה אונגער זצ"ל (מנו"כ בעיה"ק צפת), ווען ער האָט איהם געפרעגט איבער אַ שידוך וואָס מ'טראָגט אָהן פאַר זיין טאָכטער, אַ תלמיד חכם און ירא שמים. שרייבט צו איהם דער שווער, דער צאַנזער רב: "את העיקר לא כתבת לי", דעם וויכטיגסטן פרט, האָסטו מיר נישט געשריבן... "האם הוא מענטש, כמו שכתוב בתורה (פרשתינו כב, כז) 'את בתי נתתי לאיש הזה'...".

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון ישיבת "חידושי הרי"ם" אין תל אביב, האָט געזאָגט וועגן די יעניגע בחורים וואָס ווילן זיין ווי "מלאכים": ער וויל ווערן אַ 'מלאך'. וואָס טוט ער? די ערשטע זאַך איז, אַז אַ מענטש איז ער שוין נישט... ער איז שוין 'אויס מענטש'...

**יב.** די ערשטע "מוסר רייד" אין די תורה, זענען דאָך די ווערטער וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו קין (בראשית ד, ז) "הלא אם תטיב שאת", אויב דו וועסט פאַרבעסערן דיינע וועגן, וועסטו ווערן דערהויבן.

עס דאַרף אָבער זיין "אם תטיב", מ'דאַרף פרובירן צו לעבן מיט "דערהויבנקייט", און אַזוי ווערט די תשובה אָהנגענומען פאַר'ן באַשעפער, ווי די ספרים טייטשן די ווערטער פון די חז"ל (ב"ר פכ"ב, יג) אַז נאָך דעם ווי קין האָט

אָבער דאָ אַ תנאי פאַר דעם: "והיה מחניך קדוש" - דיין מחנה זאָל זיין הייליג[יג].

**דער** "שפת אמת" זאָגט, אַז דער פסוק זאָגט נישט "מהלך" בקרב מחנך, נאָר "מתהלך", פון לשון

---

געזינדיגט און דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט "הלא אם תטיב שאת", האָט אדם הראשון איהם באַגעגנט, און איהם געפרעגט "מה נעשה בדינך?" - וואָס איז געוואָרן מיט דיין דין? (אויב ער האָט גע'פועל'ט ביי דעם אויבערשטען אָהנצונעמען זיין תשובה, נאָך דעם ווי ער האָט גע'הרג'עט הבל). האָט קין געענטפערט, "עשיתי תשובה, ונתפשרתי" - איך האָב תשובה געטוהן, און איך האָב זיך "אַדורכגעקומען" מיט'ן באַשעפער. "מיד פתח אדם הראשון ואמר, מזמור שיר ליום השבת" (תהלים צב, א) - האָט אדם הראשון באַלד אָנגעהויבן זאָגן דעם קאַפּיטל "מזמור שיר ליום השבת". דאַרף מען פאַרשטיין, אין יענעם קאַפּיטל, זעהען מיר נישט אַפילו איין וואָרט וועגן דעם ענין פון תשובה, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט אדם הראשון געזאָגט דעם קאַפּיטל?

ענטפערן די ספרים, אַז אין יענעם קאַפּיטל זאָגן מיר: ואתה מרום לעולם ה', דו, באַשעפער, ביזט דערהויבן איבער דער גאַנצער וועלט, און אַז אַ איד ווייסט אַז דער אויבערשטער איז "דערהויבן", און ער וויל זיך "דערהייבן" פון דער ערד צום אויבערשטען, קען ער אייביג תשובה טוהן.

אַמאָהל ווען דער "חפץ חיים" זצ"ל האָט געזעהן ווי זיין איניקל רייניגט די פּאָדלאָגע, האָט ער געזאָגט:

- אנשטאט צו רייניגן אונטער די פיס, איז בעסער צו רייניגן דעם קאָפּ!

על דרך מליצה קען מען זאָגן, עס ווערט גע'פּסק'ענט להלכה, אַז אויב מ'האָט אַריינגעלייגט דעם שופר אין קאָכעדיג וואַסער, און עס איז געוואָרן איבערגעדרייט - דער ברייטער טייל איז געוואָרן שמאָהל, און אַזוי פאַרקערט - איז דער שופר פסול. קען מען זאָגן, וויל דער עיקר טעם פון תקיעת שופר איז דאָך כדי מעורר צו זיין דעם מענטש צו תשובה, און תשובה מיינט, מיט אַ "ברייטקייט". די ברייטע זייט, טאָהר נישט ווערן "צר" - שמאָהל...

**יג.** מיר האָבן שוין מערערע מאָהל דערציילט, אָבער עס איז איבערצו'חזר'ן די מעשה. ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן די צוגרייטונגען צו איינע פון די גרויסע אסיפות ווי עס זענען זיך צוזאם געקומען פילע גדולי ישראל (אין ווינע אין שנת תרפ"ג), אין שפּיץ מיט'ן "חפץ חיים" זצ"ל און די אַנדערע גדולי ישראל, האָט מען געזעהן אַז אויף די הויכע גאַלעריע איז נישטאָ אַ פאַרהאַנג פאַר די עזרת נשים. די משמשים פון אַנדערע גדולים, די חסיד'ישע רבי'ס, האָבן געזאָגט, אַז די רבי'ס וועלן נישט אַריינקומען אין זאַל, ביז מ'וועט אויפהענגען אַ פאָרהאַנג אויף די מחיצה. ווען מ'האָט געפרעגט דעם "חפץ חיים", האָט ער געענטפערט, נאָכ'ן באַטראַכטן די גאַלעריע:

- על פי הלכה, דאַרף מען נישט מאַכן אַ פאַרהאַנג אויף די גאַלעריע, וויל עס איז זייער הויעך, נאָר וואָס דען, היות אז עס שוין איז פאלאנגט געוואורן, זאל מען יא לייגן אַ פאָרהאַנג.

פאַרוואָס? האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט:

- מיר געפינען אין תהלים, אַז דוד המלך ע"ה האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט. "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי" (תהלים כג, ד). נאָר ווען האָט דוד מורא געהאַט? "הסתרת פניך הייתי נבהל" (שם ל, ח). ווען עס איז אַ הסתר פנים ח"ו, דער אויבערשטער כביכול קערט אָפּ זיין פנים פון די אידן ח"ו, דאַן "הייתי נבהל", בין איך געוועזן גאָר שטאַרק איבערגערשראָקן.

- ווי אַזוי שאַפט זיך אַ מצב פון "הסתר פנים" ח"ו? אויף דעם זאָגט דער פסוק (פרשתינו כג, טו) "ולא יראה בך ערות דבר, ושב מאחריך". מענטשן מיינען, אַז דווקא ווען עס איז גאָר געמיין ח"ו, דאַן איז "ושב מאחריך". דער אמת איז אָבער נישט אַזוי, אויב אַ איד קערט זיך אָפּ אַביסל פון דעם באַשעפער, ווערט אַ מצב פון "ושב מאחריך" אויף אַ קליינעם אופן. נאָך אַביסל - ווערט גרעסער דער "ושב מאחריך" ח"ו. דעריבער, ווען מיר דאַרפן האָבן אַ שמירה אויף גשמיות, דאַרפן מיר זיין אָפּגעהיטן ברוחניות אויף יעדן שריט און טריט, און ממילא איז כדאי אויפצוהענגען אַ פאָרהאַנג, כדי עס זאָל נישט ווערן ח"ו צום סוף "ושב מאחריך" רח"ל.

די מעשה האָט דערציילט דער גאון רבי אברהם קאַלמאַנאָוויטש זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין אַמעריקע. זיין זוהן, הגאון רבי שרגא משה קאַלמאַנאָוויטש זצ"ל, ברענגט עס אַראָפּ, און ער געבט צו, אַז פון די מעשה האָבן מיר אַ נייעם "דערהער" אין שמירת גדרי הקדושה, וויל בפשטות לערנט מען פשט, אַז אויב דער מענטש פיהרט זיך בקדושה, האָט ער השראת השכינה, און אויב פאַרקערט, איז דאָ סילוק השכינה ח"ו. האָט דער "חפץ חיים" מחדש געוועזן אַ נייעם חידוש, אַז עס גייט לויט די מדריגות אין קדושה פונעם מענטש. וואָס מער

"מתפעל", אַז דער אויבערשטער כביכול לאָזט זיך "פיהרן" פון אידישע קינדער. לויט ווי ווייט עס דערגרייכט זייער קדושה, אַזוי פיהרט דער אויבערשטער די וועלט. אידישע קינדער זענען די "בעלי בתים" - מיט זייער ערליכקייט און יראת שמים - איבער די הנהגה פון דער וועלט.

**מ'טאָר** אָבער נישט געבן אַפילו אַ קליין "טירל" פאַר'ן יצר הרע, זיך צו קענען אַריינכאַפן ח"ו אין אַ אידיש האַרץ, ווי מיר געפינען אַז די חז"ל זאָגן (תנחומא פ"ט) אַז עמלק איז גלייך צו אַ "זבוב" - אַ פליג (ע' ג"כ ברכות מא. "יצר הרע נמשל לזבוב").

**אַזוי** זאָגט דער "בעל הטורים" (שמות יז, יד) אויפ'ן פסוק וואָס שטייט ביי די מלחמה קעגן עמלק: "כתוב זאת זכרון בספר, ושים באזני יהושע", ז'כרון ב'ספר ו'שים ב'אזני, איז ראשי תיבות זבו"ב. זאָגט דאָרט דער "כלי יקר", אַז עמלק איז צוגעגליכן צו אַ פליג, ווייל די נאַטור פון אַ פליג איז, אַז זי קען נישט נאָגן פון אַ גאַנץ שטיקל פלייש. כדי די פליג זאָל קענען געניסן פונעם פלייש, דאַרף זי געפינען אַפילו אַ קליין "לעכל" וואו זיך אַריינצובאַקומען, און דאַן קען זי עסן פונעם פלייש, דורך דעם וואָס דאָס פלייש וועט קאַליע ווערן. דאָס זעלבע איז מיט "עמלק" - דער יצר הרע. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש געבט איהם נישט קיין אַריינטריט צו זיך אין האַרץ, קען ער נישט האָבן אַ שליטה אויף איהם, אָבער אין דער מינוט ווען מ'לאָזט איהם אַריין אַפילו מיט אַ קליינינגקייט, קען ער ח"ו באַווייזן אַלעס קאַליע צו מאַכן ח"ו. די איינציגע עצה, איז דעריבער צו שטיין קעגן איהם מיט די גאַנצע שטאַרקייט, נישט צו געבן אים אַ "טירל" צו קענען זיך אַריינכאַפּן אין מענטש, און דאַן איז "אשרי חלקו בזה ובבא".

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה, אמן.

---

דער מענטש פיהרט זיך בקדושה, איז ער זוכה צו אַלץ מער השראת השכינה. ממילא, אויב מען וויל האָבן אַ שמירה פון דעם אויבערשטען, דאַרף מען זעהן צו האָבן וואָס מער גדרים אין קדושה, ווייל דאַן האָט מען אַ שטאַרקערע השראת השכינה.

דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל ברענגט ("קובץ מאמרים ואגרות", גלות וגאולה, ע' ר"פ), אַז דער "חפץ חיים" זצ"ל האָט געזאָגט, דער אויבערשטער, וואס ער היט שטענדיג די אידן, ווי מיר זאגן "שומר עמו ישראל לעד", האט דעם דין פון א "שומר חינם", ווייל עס איז דאָך נישט שייך עפּעס צו באַצאָהלן פאַר דעם אויבערשטען. ביי אַ שומר חנם ווערט גע'פסק'ענט להלכה, אַז ער קען זיך אָפּזאָגן פון די שמירה אויב ער וויל. האָט דער "חפץ חיים" זצ"ל געזאָגט, "מיר זאָלן אָפּגעהיטן ווערן פון אַ מצב ווען דער אויבערשטער וויל אָפּשטעלן די שמירה ח"ו, ווי ער זאָגט 'ושב מאחריך' רח"ל .

אויך האָט ער געזאָגט, אַז ער קען נישט פאַרשטיין ווי אַ אידיש האַרץ ווערט נישט צושמאָלצן פון דעם פּחד פון 'ושב מאחריך' ח"ו.

פון דעם קומט אויס, אַז די השראת השכינה ביי אַ איד, איז לויט וויפיל ער איז אָפּגעהיטן אין זיינע גדרים פון קדושה און יראת שמים.